ד. בנוגע צו לערנען א פסוק מיט פירש"י, ווען מען זיך שטעלן אויף א פסוק בנוגע צו א כלי חרס (וואס דאס איז בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט ש"פ צו אויף א פירש"י בנוגע צו כלי חרס).

וואס דאס איז אין קאפיטל טו פסוק יב - "וכלי חרש אשר יגע בו הזב ישבר וכלי עץ ישטף במים". איז רש"י מעתיק די ווערטער "וכלי חרש אשר יגע בו הזב" און זאגט אז "יכול אפי' נגע בו מאחוריו" איז ער אויך טמא, ווארום אז מ'זאגט "יגע בו" מיינט דאס בפשטות אנרירן, און ווי אזוי רירט מען אן, קריכט מען דאך ניט אריין אין דעם פנים פון דעם כלי, נאר מ'רירט אים אן מאחוריו, און אויף דעם זאגט ער "וכו' כדאיתא בתו"כ", ד.ה. אז ער צייכנט צו צום תו"כ וואס דארטן שטייט דער ביאור פון וואנען ווייסט מען אז מ'מיינט טאקע ניט נגע בו מאחוריו, און רש"י איז ממשיך אז מ'זאל קוקן אין תו"כ "עד איזהו מגעו שהוא בכולו הוי אומר זה היסטו". וואס אין דעם פירש"י זיינען פאראן כמה ענינים הדורשים ביאור:

א) דער בן חמש למקרא האָט שטייט בכלל ניט וואס קומט דא רש"י מפרש זיין אין פסוק. לכא' איז אין פסוק אלץ גלאט און קלאר, אז אויב א זב רירט אן א כלי חרס איז ישבר, און ער האט ניט קיינע קושיות. ואע"פ אז אין הלכה איז טאקע אזוי, אז אין כלי חרס מיטמא מאחוריו, איז אבער רש"י'ס ענין ניט דרך ההלכה נאר דרך הפשט, וכמדובר כמ"פ אז ס'זיינען דא כמה פירושי רש"י וואס ע"ד ההלכה איז דאס ניט אזוי ווי רש"י זאגט, האט דאך רש"י אויך דא געקאנט לערנען כפשוטו אז "כלי חרס אשר יגע בו", מיינט דאס יעדער נגיעה, אויך מאחוריו, און וואס איז זיין הכרח ארויסנעמען דעם פסוק מפשוטו?

ב) דערנאך איז ניט מובן אין רש"י גופא: ממה נפשך, אויב רש"י וויל מעתיק זיין דעם תו"כ, קען ער דאך אים אינגאנצן מעתיק זיין, און אויב ער וויל מציין זיין אהינצו קען ער דאך מציין זיין ע"ד ווי רש"י טוט בכ"מ, ווי אין דעם פסוק "אשם אשם להוי'" (ויקרא ה, יט) וואס רש"י זאגט דארטן "כבר נדרש הוא בתו"כ", ועד"ז געפינט מען בכ"מ אז רש"י צייכנט צו א מדרש אגדה, און פארוואס בפסוק זה איז רש"י מעתיק א חלק פון הו"כ, און דערנאך שפרינגט ער אריבער א חלק, און איז אים בלויז מציין, און דערנאך איז ער ווידער מעתיק א חלק פון תו"כ?

ג) דערנאך איז דאך פאראן די שאלה הידועה אז רש"י איז מעתיק פון פסוק בלויז די תיבות וואס אויף זיי איז ער מייסד פירושו, דארף מען פארשטיין פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "וכלי חרש אשר" און אויך דעם ווארט "הזב", רש"י'ס חידוש איז דאך בלויז אויף דעם אופן הנגיעה, צי מאחוריו, צי היסט, אבער די תיבות הנ"ל זיינען לכאו' ניט נוגע, האט רש"י געדארפט זיך שטעלן נאר אויף די ווערטער "יגע בו"?

- מ'קען -

הנחת הת' בלתי מוגה

מ׳קען ניט זאגן אז רש"י איז אויסן צו מעתיק זיין פון פרוק אן ענין שלם, ווארום דעמולט האט ער געדארפט מעתיק זיין אויך דעם ווארט "ישבר".

און נאך ככה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן, און אויך דיוקים אין פריערדיקע פסוקים וואס רש"י האט געדארפט זיי מפרש זיין. און כמדובר כמ"פ אז רש"י פארלאזט זיך ניט אויף די מפרשים, און בפרט אז בפירש"י דידן שטעלן זיך ניט קיינע מפרשים.

בנוגע צו די הערות אויף זהר, איז אויף אונזער פרשה ניטא קיין הערוה. ס׳איז אבער דא אין תולוי"צ על הש"ס (ע׳ שנט) וואס דארטן שטעלט ער זיך אויף א כשנה אין נגעים וואס זי איז פארבונדן מיט די ענינים וואס רעדן זיך אין אונזער פרשה.

וואס דאס איז די משנה (פי"ג מי"א) "מצורע שנכנס לבית כל הכלים ששם טמאין אפי׳ עד הקורות, ר"ש אומר עד ארבע אמות כלים מיד טמאים. ר׳ יהודה אומר אם שהה כדי הדלקת הנר".

איז ער מבאר אין דער רשימה די שייכות פון הדה"נ מיט שיעור הטומאה, אז בית איז מלכות, און הדה"נ של שמן בבית איז המשכת החכמה במלכות, וכמבואר אין לקו"ת (פרשתנו כה, א) אז דער ביום טהרתו פון א מצורע איז דוקא דורך דעם והובא אל הכהן, ווארום כהן איז חכמה, און דורך די המשכה פון חכמה איז מען מטהר די טומאה. און ער איז דארט מבאר די ענינים עפ"י קבלה אן א אריכות הסברה, און פארלאזט זיך - כמדובר כמ"פ - אז די הוראה לפועל וועט מען זיך אליין כאפן, וכפי שיתבאר לקמן.

ה. בנוגע צו פירש"י: אויב רש"י וואלט מעתיק געווען פון פסוק בלויז די ווערטער "יגע בו", האט ער ניט אין דערויף וואס צו מוסיף זיין וכו׳, ווארום דאס איז מובן בפשטות, אז דאס מיינט אלע אופנים אין יגע בו, אויך מאחוריו.

דערפאר איז רש"י כעתיק אויך די ווערטער "וכלי חרס אשר גו׳", אויף מדגיש זיין אז דא רעדט זיך וועגן א כלי חרס, וואס דעמולט איז שווער צו טייטשן אשר יגע בו כפשוטו - אויך מאחוריו, ווארום דער בן חמש למקרא כאפט זיך אז רש"י האט שוין געזאגט פריער אויף דעם פסוק "וכל כלי חרש אשר יפול מהם אל תוכו" (יא, לג) אז אין כלי חרס מיטמא אלא מאוירו.

אעפ"כ זאגט דאך רש"י "יכול אפי׳ נגע בו מאחוריו", אז מ׳קען נאך אלץ לערנען אז כלי חרס איז יע מיטמא מאחוריו, וואס דערפאר איז רש"י מעתיק אויך דעם ווארט "הזב" - אז דא רעדט זיך ביי א טומאה מיוחדת פון א זב, וואס דער בן חמש ווייסט דאך שוין פון פריער אין דער פרשה, אז טומאת זב האט אין זיך א סאך חומרות לגבי אנדערע טומאות, טומאת משכב ומושב וכו׳. וואס דערפאר קען ער דאך לערנען אז אויך בנוגע צו כלי חרס איז טומאת זב אנדערש פון אלע טומאות, און דאס איז מטמא אפי׳ מאחוריו.

און כדי צו מברר זיין דעם ספק שיקט טאקע רש"י אפ צו תו"כ, וואס דארטן שטייט דער הכרח אויף דעם אז א זב איז ניט מטמא מאחוריו.

רש"י אליין איז אבער ניט מעתיק וואס ס׳שטייט אין תו"כ, אע"פ אז דער הכרח פון דארטן איז אויך עפ"י דרך הפשט, און ער איז בלויז

- מעתיק -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

מעתיק "איזהו מגעו שהוא בכולו הוי אומר זה הסיטו", ווארום דאס איז נוגע דא אין דעם פירוש התיבות אשר יגע בו, אז דאס מיינט היסט.*)

ס'איז מערניט וואס ער צייכנט צו דעם תו"כ וועלכער ברייננט דעם לימוד פון טומאה כת וואס שטייט אין פ' חוקת, וואס טומאת מת איז אויך א טומאה חמורה, און זי האט חומרות וואס זיינען ניטא אין טומאת זב, ואעפ"כ איז אויך דארטן דער כלל אז אין כלי חרס מיטמא אלא מאוירו - וואס דערפון איז דער הכרח אז אויך דא ביי טומאת זב איז א כלי חרס ניט מיטמא מאחוריו.**)

און דאס וואס רש"י קלייבט אוים בעסער צייכענען אין הו"כ ווי אין פ' חוקת - אע"פ אז ע"ד הפשט איז דאך דער הכרח פון דארטן - ווארום אויב ער וואלט בעצייכענט אין פ' חוקת, וואלט דער בן חמש למקרא ניט געוואוסט פונקט וואס דער לימוד איז וכו', איז דערפאר רש"י מציין צו תו"כ.

ס'בלייבט נאך אבער שווער די שאלה וואס איז דא אין דעם גאנצן פסוק, און אויך אין דעם פסוק שלפני"ז (יא) וואס דארטן זאגט ער "וכל אשר יגע בו הזב וידיו לא שטף במים וגו'", וואס לכאו' איז דער גאנצער ענין איבעריק, ווארום עס שטייט דאך שוין פריער (שם ז) "והנוגע בבשר הזב יכבס בגדיו וגו' וטמא", איז דאך מובן אז יעדער זאך וואס דער זב רירט דאס אן בבשרו ווערט דאס טמא, איז וואס דארף מען איבער חזר'ן נאך א מאל "וכל אשר יגע בו הזב וגו'", ועד"ז דעם פסוק "וכלי חרש אשר ידע בו"?

די גמרא (נדה מג, א) שטעלט זיך טאקע אויף דער שאלה, און דערפאר זאגט די גמרא אז פון דעם פסוק "וכל אשר יגע בו הזב וגו'" לערנט מען טומאת היסט, אז ע"י היסט, אפי' אויב ער איז דאס מסיט דורך אן אנדער זאך וכו', איז דאס טמא.

אין רש"י קען מען אבער אזוי ניט לערנען, ווארום רש"י זאגט דאס ניט אין דעם פסוק שלפני"ז, און ער שטעלט זיך אינגאנצן ניט אויף דער שאלה, און אפי' בפסוק דידן וואס רש"י זאגט אז דורך היסט ווערט דער כלי טמא, איז דאך דאס ניט ווייל דער פסוק איז איבעריק, נאר ווייל מ'קען ניט זאגן אז כלי חרס מיטמא מאחוריו. בלייבט דאך שווער די שאלה צוליב וואס שטייען די פסוקים? וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע צו דעם ענין פון די משנה אין נגעים, מיט'ן ביאור אין תודת לוי יצחק שבזה, וועט מען פארשטיין די הוראה דערפון בהקדים:

די משנה (שם) זאגט אז דער דין איז, אז מקום מושבו פון דעם מצורע איז טמא - ווערט דאך די שאלה וועץ הייסט דאס מקום מושבו? מילא אז ער זיצט ביי זיך אין הויז איז דאס מקום מושבו, אבער ווי איז דער דין אויב ער קומט צו א צווייטנ'ס הויז, ס'קען דאך ניט זיין

- אז -

---

*) אבל זה לבד (בלי הציון לתו"כ) איננו מספיק, די"ל (דהחידוש הוא או בתיבת בו או בתיבת יגע) או בשניהם.

**) ואף שבתו"כ מסיים: לא אם אמרת שאינו עושה משכב ומושב האמר בזה שמטמא במשכב ומושב.. יטמא כלי חרס מאחוריו.

מ"מ מ"ש לפנ"ז "ומה אם מת החמור כו'" - לא נדחה כ"א שהטילוהו בספק ושקולים הם.

אז אויב ער גייט אריין אין דעם צווייטנ'ס הויז זאל דאס ווערן טמא, איז אויף דעם זאגט די משנה אז דער בעל הבית פון הויז האט א ברירה ס'זאל ניט הייסן מקום מושבו פון דעם מצורע, אויב ער לאזט אים ניט זיין דארטן, און אין דערויף איז דא א מחלוקת וויפל איז דער שיעור ער זאל זיין אין הויז און יענער האט ניט מוחה געווען, ס'זאל ווערן טמא:

דער ת"ק האלט אז דאס איז מיד - גלייך ווען דער מצורע גייט אריין אין הויז, ווארום דער בעה"ב האט אים כלכתחילה ניט געדארפט אריינלאזן, אויב ער וויל אים ניט האבן אין הויז. און ר' יהודה זאגט אז דער שיעור איז דעם איז "אם שהה כדי הדלקת הנר".

זיינען מפרשים מסביר דעם שיעור פון "כדי הדלקת הנר", אז דער בעה"ב קען זיך פארענטפערן פארוואס ער האט אים ניט ארויסגעטריבן פון הויז, ווייל ער איז געווען טרוד אין אנצינדן דעם נר. וואע"פ אז דער גאנצער ענין פון הדה"נ איז דוקא בלילה, איז אבער לא פלוג, וויבאלד אז בלילה איז ער טרוד בהדה"נ, האט מען געמאכט דעם שיעור פון "כדי הדה"נ" אלעמאל.

דערנאך ווערט די שאלה אז עס איז קיין תירוץ ניט אז ער איז טרוד, ווארום ער קען דאך אין מיטן אנצינדן דעם נר זאגן יענעם "פאשאל וואן" (וואס דאס מיינט אויף רוסיש גיי געזונטערהייט, אדער גיי ניט געזונטערהייט), ווארום ער קען דאך מפסיק זיין בדיבור, ער איז דאך טרוד מערניט ווי במעשה?

דערפאר זיינען מפרשים (ר"ש ורע"ב שם) מסביר אז דא רעדט זיך וועגן "הדה"נ דבי שמשי", ד.ה. די הדלקה פון נר שבת קודש, וואס דעמולט טאר ער דאך ניט מפסיק זיין בדיבור ווארום ער דארף מאכן א ברכה, און וויבאלד אז דאס איז דער שיעור בנוגע צו ליל שבת, איז דאס דער שיעור אויך בנוגע צו יעדער נאכט, און אויך בנוגע צו בייטאג.

וואס דא זעט מען די פעולה פון הדלקת נר שבת, אז דאס איז מעכב די טומאה פון דעם מצורע, און ניט נאר אז דאס איז מעכב די טומאה, נאר נאכמער לויט ווי ער איז מבאר אין תורת לוי"צ אז אזוי ווי דער כהן פועל'ט אויף דעם "ביום טהרתו" - די טהרה פון טומאת מצורע, וואס דאס איז דערפאר וואס כהן איז דער ענין החכמה, עד"ז איז די פעולה פון הדלקת הנר, ווארום דער ענין פון נר של שמן איז חכמה, ד.ה. אז דורך הדלקת הנר איז ער מבטל די טומאה, און ס'ווערט דער "ביום טהרתו".

וואס דא זעט מען די מעלה וואס נרות שבת האבן, אז דורך דערויף פועל'ט מען אויף דעם ביטול פון טומאת מצורע, וואס דאס איז דאך א טומאה חמורה ביותר, ביז אז "בדד ישב", ער דארף ארויסגייין מחוץ לכל המחנות, ניט נאר פון מחנה שכינה, ניט נאר פון מחנה לוי' נאר אפי' פון מחנה ישראל, ד.ה. אז ער איז אפגעזונדערט פון גאנץ כלל ישראל, אפי' פון די גרים שנתגיירו כהלכה, און דורך הדלקת הנר איז מען מבטל די טומאה.

און דאס דארף מען מסביר זיין צו יעדער מיידעלע, אז דורך דעם וואס מ'צינדט אן די נרות שבת, איז נוסף אויף דעם וואס דאס איז א ציור פון מלך מלכי המלכים הקב"ה בכבודו ובעצמו, און נאך העכער, פון עצמות ומהות, וכידוע די שיחה פון רבי'ן נ"ע (תורת שלום ע' 190) אז כל המצוות מתייחסים אל העצמות, איז נוסף לזה פועל'ט מען אויף

- אלע -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אלע אידן, ביז אפי׳ אויף א מצורע וואס איז מחוץ לכל המחנות, אז ער ווערט טהור.

און דאס זאגט מען אז בשעת א קליינינקע מיידעלע צינדט אן א קליינינקע ליכטעלע אין איר חדר קטן, איז נוסף אויף דעם וואס דורך דעם קערט זי איבער איר נפש אחת וואס דאס איז אן עולם מלא, און אויך די גאנצע הויז און משפחה, און זי פועל׳ט אויך אויף אירע מדריכים און מחנכים, ביז ווי דער רמב"ם (הל׳ תשובה פ"ג ה"ד) זאגט אז מכריע א"ע ואת כל העולם לכף זכות, ומביא ישועה והצלה, אדער (כהגירסא הב׳) והצלחה.

און פון די פעולה אין דעם ענין פון נש"ק קומען אויך די אנדערע מבצעים וואס זיינען פארבונדן מיט נשי ובנות ישראל, וואס דאס איז מבצע כשרות האכו"ש, און מבצע טהרת המשפחה.

און דערפון צו די מבצעים כלליים: מבצע תורה, מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה, מבצע בית מלא ספרים - יבנה וחכמי׳.

און דורך דעם וואס זי צינדט אן די נרות איז דער אויבערשטער מאיר דעם "נר הוי׳ נשמת אדם" (משלי כ, כז), ביז אז ס׳ווערט דער והי׳ לך ה׳ לאור עולם (ישעי׳ ס, יט), בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

ו. בנוגע דעם ביאור צוליב וואס דארף די תורה איבער חזר׳ן דעם ענין פון טומאה פון א זאך וואס א זב האט דאס אנגערירט, ווערט מען דאס פארשטיין בהקדם א שאלה אין רש"י גופא:

די גאנצע הוכחה אז דא מיינט מען ניט אלע אופנים אין מגע, אויך מאחוריו, איז דאס דערפאר וואס טומאת מת איז אויך א טומאה חמורה, אעפ"כ געפינט מען ניט דארטן קיין טומאת כלי חרס מאחוריו, ועד"ז איז פארשטאנדיק אויך בנוגע טומאת זה כנ"ל, ווערט דאך לכאו׳ די זעלבע שאלה אויך בנוגע צו היסט, וואס רש"י פירט דאך אויס אז דא מיינט מען טומאת היסט - וואס דער אופן אין טומאה איז אויך ניטא ביי טומאת מת, דארף דאס אויך ניט זיין ביי טומאת זב?

מוז מען דאך זאגן אז וויבאלד אז דער פסוק זאגט דא אשר יגע בו (וואס דאס איז דאך לכאו׳ איבעריק), דערמיט קומט דער פסוק מחדש זיין א חידוש אין טומאת זב וואס ס׳איז <u>ניטא</u> ביי טומאת מת (כדלקמן), אויב אזוי פאלט דאך אראפ די הוכחה אז מ׳קען ניט זאגן אז דאס איז מיטמא מאחוריו, ווארום דא זאגט דער פסוק אן ענין וואס איז <u>ניטא</u> ביי א מת, דארף מען פארשטיין וואס איז רש"י׳ס הוכחה אז מ׳רעדט דא וועגן היסט און ניט וועגן מאחוריו?

לכאו׳ וואלט מען דאס געקענט פארענטפערן, אז וויבאלד דער פסוק פירט דא אויס "וכלי עץ ישטף במים", איז אויב מ׳וועט לערנען אז דא רעדט זיך וועגן טומאת היסט, איז פארשטאנדיק פארוואס ס׳שטייט דא "וכלי עץ", ווארום דא איז דא דער חידוש אז ער איז מטמא בהיסט, אבער אויב מ׳וועט לערנען אז דא מיינט מען טומאת מגע מאחוריו, איז ניט מובן פארוואס שטייט דא כלי עץ, דאס וואס ס׳שטייט כלי חרס איז פארשטאנדיק, ווארום דא איז דא א חידוש, אז אע"פ אז אלע מאל איז א כלי חרס ניט מיטמא מאחוריו, איז א זב יע מטמא מאחוריו, אבער א כלי עץ איז דאך ביי <u>אלע</u> טומאות ווערט ער טמא מאחוריו, איז דאך דא דער פסוק גארניט מחדש, איז פארוואס שטייט אין פסוק כלי עץ, און דער עצם ענין פון

- טומאה -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

טומאה ביי זב ווייסט מען דאך שוין פון דעם פסוק וואס שטייט פריער "והנוגע בבשר הזב וגו׳", און דאס איז רש"י׳ס הכרח אז דא מיינט מען טומאת היסט.

באמת קען מען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום אויב אזוי האט רש"י געדארפט מעתיק זיין אויך די ווערטער "וכלי עץ", אדער מרמז זיין אויף זי מיט א וגו׳, ווארום אויף דעם איז דאך מיוסד פירושו.

דער ביאור פארוואס טאקע לערנט ניט אפ רש"י זיין פירוש (אז דאס מיינט היסט ניט מאחוריו) דערפון וואס ס׳שטייט "כלי עץ", ובהקדם דעם ביאור פארוואס דארף מען איבער חזר׳ן דעם גאנצן ענין אין דעם פסוק שלפני"ז - "וכל אשר יגע בו הזב וידיו לא שטף גו׳":

רש"י האלט אז עפ"י פשוטו של מקרא קען דער פסוק איבער חזר׳ן א גאנצן ענין כדי צו מוסיף זיין אין דעם כמה פרטים.

און ווי מ׳דעם דאס גלייך אין פ׳ בראשית, אז פריער שטייט אין דער בריאה פון יום השישי אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטשן, און ער האט געזאגט "פרו ורבו" (א, כח), און דערנאך שטייט "ויכולו השמים וגו׳" (ב, א), און דערנאך ווערט איבער גע׳חזר׳ט דער גאנצער ענין פון בריאת האדם מיט פרטים נוספים, אז "ויפח באפיו נשמת חיים" (ב, ז), און "ויקח אחד מצלעותיו" (ב, כא), זאת הפעם עצם מעצמי וגו׳ (ב, כג), וואס דאס איז ניט קיין קושיא, ווארום פריער זאגט ער דעם ענין בכללותו, און דערנאך חזר׳ט ער דאס איבער נאך א מאל, און ער איז מוסיף אין דערויף די פרטים.

ובמילא איז דאך מובן אז ס׳איז ניט קיין קושיא אין פשש"מ פארוואס חזר׳ט ער איבער דעם ענין פון "אשר יגע בו הזב" וואס שטייט אין דעם פסוק שלפני"ז, ווייל ס׳קומט דארט צו א פרט: פון דעם דיוק "וידו לא שטף", לערנט מען ארויס, ווי רש"י זאגט דארט שאין בית הסתרים טעון ביאת מים אלא אבר הגלוי כמו הידים,*) און צוליב דעם פרט חזר׳ט תורה איבער דעם גאנצן ענין.

ולפי"ז פאלט אראפ די הוכחה הנ"ל פון "וכלי עץ גו׳", ווארום מ׳קען זאגן אז דער חידוש אין אונזער פסוק איז אין דעם ענין פון כלי חרס, אז ביי א זב איז ער מיטמא אויך מאחוריו, און צוליב דעם ברייגנט זיך אויך דעם ענין פון כלי עץ, אע"פ אז אין כלי עץ איז ניטא קיין חידוש.

וואס איז טאקע דער הכרח פון רש"י׳ן אז דא מיינט מען טומאת היסט, און ניט טומאת מגע אפי׳ מאחוריו? וועט מען דאס פארשטיין בהקדם נאך אן ענין וואס איז דא אין אונזער פסוק:

אין פסוק שטייט "וכלי חרס אשר יגע בו הזב ישבר וכלי עץ ישטף במים", און ס׳שטייט ניט וכלי עץ אשר יגע בו, ווייל דאס קומט בהמשך להאמור לפני זה, ד.ה. אז דער יגע בו וואס שטייט ביי כלי חרס גייט דאס אויך אויף כלי עץ.

- וואס -

---

*) ועפי"ז יומתק דמציין רש"י הו"כ דשולל דרז"ל דנדה - כי לשיטת הש"ס למדין מפסוק שלפניו.

וואס דא ווערט די שאלה עד"ז אויך בנוגע צו כלי חרס גופא: צוליב וואס דארף שטיין "וכלי חרס אשר יגע בו וגו'" - דאס קומט דאך בהמשך צו דעם פסוק שלפני"ז, וואס דארטן שטייט שוין "וכל אשר יגע בו", האט דא געדארפט שטיין "וכלי חדס ישבר גו'"?

וויבאלד אז ס'שטייט "יגע בו" זאגט רש"י אז דא מיינט מען א דיוק און א חידוש אין אופן הנגיעה - יגע בו,*) דוקא אויב ער רירט אן דעם גאנצן כלי, וואס דאס איז ע"י היסט, וואס דעמולט ווערט דער גאנצער כלי גערירט ממקומו, ביז איצטער האט מען געלערנט אז נגיעה מיינט אז מ'רירט אן א נקודה מסויימת, אזוי ווי "והנוגע בבשר הזב" איז דאך מובן אז ער דארף ניט אנרירן דעם גאנצן בשר פונ'ם זב, נאר מערניט ווי אין איין נקודה, איז דאך אזוי אויך מובן בנוגע צו דעם "וכל אשר יגע בו הזב" שבפסוק שלפני"ז, און דא איז דער פסוק מחדש - דורך די תיבות מיוחרות "אשר יגע בו" - א נגיעה וואס איז בכולו, וואס דאס איז דער ענין פון היסט, איז אפי' אויב דאס איז ע"י קנה און ניט בידו איז דאס אויך מטמא, וואס דערפאר לערנט רש"י דעם ענין פון היסט, ניט דעם ענין פון מאחוריו.

דערנאך איז דאך אויך דא א הוראה אין עבודת ה' פון דעם פידש"י:

ס'איז מבואר אין ספרי מוסד אז כלי חרס גייט אויף א מענטשן, וואס ער איז באשאפן געווארן עפר מן האדמה, בדוגמא ווי א כלי חרס וואס מ'מאכט אים פון עפר, און אויף דעם זאגט מען אז אינו מיטמא מאחוריו, ד.ה. אז די נשמה איז נתלבש געווארן אין דעם גוף, און זי ווערט ניט טמא מאחוריו, וואס דאס גייט אויפן גוף, ד.ה. אז ענינים פון עוה"ז וואס ווערן נדבק אין גוף זיינען ניט מטמא דעם עצם ענין פון א אידן.

במה דברים אמורים, אויב דאס איז א כלי חדס, ד.ה. אז ער איז נאר ווי דער אויבערשטער האט אים באשאפן, און ער איז ניט מוסיף אויף דעם, און דעמולט קען דער אויבערשטער ניט האבן קיין טענות, ווארום אזוי האט ער אים באשאפן, און ס'דארף דאך זיין עזב תעזוב עמו, צוזאמען מיטן גוף, און ניט דורך שבידה, און ער דאדף מאכן א דידה בתחתונים, וואס דאס איז אלס ווען ער איז אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים באשאפן, משא"כ אויב ער איז א כלי עץ, וואס דעד ענין פון אן עץ איז אז עד וואקסט, אז ער בלאזט פון זיך וכו', אדער אויב ער איז א כלי מתכת, אז ער איז הארט ווי א מתכת.

וואס דאס זאגט מען אז די נשמה איז נתלבש געוואדן "אין א זאק פלייש און ביינער מיט זודיקע בלוט" כמאמר הדשב"ץ וואס דעד רבי האט דאס איבעדגעזאגט אין א שיחה (לקו"ד ע' קפח), איז דאך דעד גוף שייך ס'זאל זיך אנקלעפן אין אים א אבק עכ"פ פון ענינים גשמיים, ווארום עד מוז דאך אנקומען צו אכו"ש וכיו"ב, וכמבואר בתניא (פ"ח) אז מ'דארף אראפנעמען דעם אבק וכו'.

ואע"פ אז אויף רבי'ן שטייט אז זקף אצבעותיו און ער האט געזאגט לא נהניתי אפי' באצבע קטנה (כתובות קד, א) - הייסט עד דאך אבעד

- "רבינו" -

---

*) וגם הכוונה להמשך דברי התו"כ שם "ת"ל אשר יגע בו ולהלן הוא אומד אשר תבושל בו מה בו האמוד להלן מאוירו אף כאן מאוירו".

"רבינו", און "הקדוש" וכו׳, משא"כ ביי יעדער אידן קען מען ניט מאנען אז אע"פ וואס ער האט א שייכות מיט גשמיות זאל דאס ניט נדבק ווערן אין אים, וואדום לאו כל מותא סביל דא, ואדרבה דער לשון איז דאך אז המברר צריך להתלבש בלבושי המתברר, און המתאבק עם מנוול איז וכו׳ (תניא פכ"ח).

און אויף דעם זאגט מען אז אעפ"כ איז דאס ניט נוגע צו דעם עצם המציאות פון דעם אידן, און איננו מיטמא מאחוריו, וויבאלד אז אזוי האט אים דער אויבערשטער באשאפן (נאר אויב די טומאה קומט אן בפנימיותו דעמולט זאגט מען אז ישבר).

און אפי׳ די טומאה הכי חמורה אזוי ווי טומאת זב, איז דאס אויך ניט מטמא א אידן, וכמבואר (ראה לקו"ש ואתחנן תשל"ג) דער חילוק צווישן דם נדה און דם זיבה, אז דם נדה איז פון חטא עה"ד איז דאס געווארן אן ענין טבעי ביז ס׳וועט זיין "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי׳ יג, ב), משא"כ דער ענין פון דם זיבה איז אן ענין של חולאת, ד.ה. אז ער איז מגרה דעם יצה"ר מער ווי ער איז עפ"י טבע, און אפי׳ אזא טומאה איז אויך ניט מטמא א אידן בפנימיותו.

וואס דאס איז אויך וואס דער רמב"ם זאגט אין ספ"ב מהל׳ גירושין, אז אפי׳ א איד וואס וויל ניט טאן וואס ב"ר הייסן אים, און מ׳דארף אנקומען צו א גוי ער זאל אים כופה זיין, זאגט מען אז דער גוי נעמט נאר אראפ די גוי׳שקייט און דעם אבק וואס איז מכסה ומעלים אויף דעם רצון האמיתי פון דעם אידן, אבער דער אמת איז אז ואמת ה׳ לעולם, אז דער אמת פון ה׳ איז אויך אין דעם העלם פון עולם, דורך תודת אמת וואס איז געגעבן געווארן צו אידן פון ה׳ אמת - איז בפנימיותם שטייט בגלוי אז רוצה אני, ער וויל טאן וואס דער אויבערשטער הייסט אים, ס׳דארף נאר אראפ קומען אין דיבור, (חסר קצת).

און ס׳וועט דער "ואלקים מלכי מקדם פועל ישועות בקרב הארץ" (תהילים עד, יב), ביז אז ס׳וועט דער "תרוממנה קרנות צדיק" (שם עה, יא), ווי ער זאגט אין מדרש (מדרש תהלים שם) אז דאס גייט אויף קרן מלך המשיח, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן.

אחר תפלת המנחה התחיל לנגן על אתת כמה וכמה.

* * *

## <u>תיקון טעות</u>

לשיחת ש"פ שמיני, פ׳ החודש ש.ז.

בע׳ יא שו"ה העולמות (איינע נדפס ד"ה פ"ד וצ"ל ד"ה פ"ו.

ע׳ כז שו"ה און ס׳איז שוין נדפס אויך געדרוקט] וצ"ל אויך געדרוקט (אגרות בעל התניא ע׳ לג-לד ובכ"מ)]

שם שו"ה זאגט נדפס "לא ראה מאורות מימיו" וצ"ל "לא ראו מאודות מימיהם"

שם שו"ה "ראה נדפס "ראה וצ"ל "ראו

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>